בס"ד

תרומה תשפ"ג
גליון 131

# דעם רבינ'ס ליכט



**אַייערע קינדער זאָלט איר מודיע זיין וואָס דאָ האָט זיך געטאָן** (שיהר"ן ר"ט)

## דער ריינער קוואל

**אַ גוטן שַׁבָּת פַאר אַלע לעכטיגע קינדער,**

מיר שטייען שוין אָט אָט פַאר פּוּרִים. לָאמִיר זען וואָס דער הייליגער רֶבִּי און זיין תַּלְמִיד ר' נָתָן רעדן וועגן דעם הייליגן יוֹם טוֹב פּוּרִים.

מיר אַלע ווייסן דער מַאֲמַר חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה אַז אַלע מוֹעֲדִים וועלן בָּטֵל ווערן אָבער דער יוֹם טוֹב פּוּרִים וועט נישט בָּטֵל ווערן.

וואָס איז טאַקע דער פְּשַׁט, בַּיי די נֵס פון פּוּרִים איז נישט געווען קיין שום טוישונג פון די טֶבַע, מען קוקט אַריין אין די מְגִלָּה, איין פָּסוּק נאָכן אַנדערן קען מען זען אַז ס'איז נישט געווען קיין נֵס קעגן די טֶבַע אַזוי ווי עס איז געווען בַּיי יְצִיאַת מִצְרַיִם ווען דער יָם איז געוואָרן געשפּאָלטן, אָדער בַּיי מַתַּן תּוֹרָה ווען ס'איז געווען אַ פייער מיט קוֹלוֹת וּבְרָקִים פון הימל, אוֹתוֹת וּמוֹפְתִים.

אין גאַנץ תַּנַ"ךְ איז דאָ פיל נִסִּים וואָס איז געווען מַמָּשׁ אַ טוישונג פון די טֶבַע, אַזוי ווי בַּיי חֲנַנְיָה מִישָׁאֵל און עֲזַרְיָה וועלכע זענען אַרויס לעבעדיג פונעם קאַלער אויוון און נאָך פיל נִסִּים פון משֶׁה רַבֵּינוּ מיט די מִלְחָמָה קעגן עֲמָלֵק, אָבער דאָ בַּיים נֵס פון פּוּרִים איז נישט געווען קיין שום נֵס פון שִׁנּוּי הַטֶּבַע. אָבער מיט-דעם-אַלעם האָט מען געזען דעם אויבערשטנס הַשְׁגָּחָה אֲפִילוּ עס איז געווען אַ געוואַלדיגע הַסְתָּרָה, די אידן זענען געווען אין גָלוּת ווייט פון אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, זיי זענען נִכְשָׁל געוואָרן מיט שרעקליכע יְרִידוֹת, קוֹדֶם האָט מען זיך געבוקט צו די עֲבוֹדָה זָרָה, אַ טייל אידן זענען געגאַנגען צו די סְעוּדָה פון אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, אַ טייל האָבן חֲתוּנָה געהאַט מיט גוֹי'שע פרויען, און פּאַרט האָט דער באַשעפער זיי געמאַכט באַהאַלטענע נִסִּים.

פּוּנקט איז אַיינגעפאַלן פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ צו מאַכן אַ ריזיגע סְעוּדָה און זיך אָנ'שִׁיכּוֹר'ן און הָמָן הַטִּפֵּשׁ האָט געהייסן שיקן בְּרִיוָון פַאר די מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, אַז יעדער מענטש בַּיי זיך אין שטוּב איז ער דער בַּעַל הַבַּיִת, און פּוּנקט דעמאָלט האָט מָרְדְּכַי זיך אונטערגעהערט אַז בִּגְתָן וָתֶרֶשׁ ווילן הַרְגְ'נען דעם קעניג, פּוּנקט האָט מָרְדְּכַי פאַרשטאַנען וואָס זיי רעדן און איבערגעגעבן פַאר אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה און פּוּנקט איז הָמָן געוואָרן גרויס און מָרְדְּכַי האָט זיך נישט געוואָלט בוקן צו אים, און אַזוי זעט מען דורכאויס די גאַנצע מְגִלָּה איין גרויסע קייטל פון נִסִּים וואָס איז געווען באַהאַלטן אינעם טֶבַע.

דערפאַר איז דער נֵס פון פּוּרִים גרעסער פון אַלע נִסִּים. און זיכער אַז אַלעם וואָס געשעט צו אונז אויך אין אונזערע דוֹרוֹת וואָס איז דאָ אַזויפיל הַסְתָּרוֹת, סיי בְּרוּחָנִיּוֹת וואָס דער אויבערשטער - כִּבְיָכוֹל באַהאַלט זיך זייער פון אונז און סיי בְּגַשְׁמִיּוּת וואָס אידן מאַכן מיט אַלע סאָרטן

המשך אויף זייט 4



# ר׳ ישראל קארדונער

## פארזעצונג #3

*אִין קוּרְצְן פוּן פְרִיעֶר:*

*ר׳ יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער הָאט זִיךְ דֶערְוואוּסְט פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳נְס צוּזָאג, עֶר בֶּענְקְט צוּ פָארְן קַיין אוּמַאן, זַיין מִשְׁפָּחָה הַאקְט אָפּ מִיט אִים אוּן נֶעמֶען אִים צוּ זַיין אַמְט אוּן בְּרֵייטֶע פַּרְנָסָה וָואס עֶר הָאט גֶעצוֹיגְן בִּיז הַיינְט.*

אַזוֹי וִוי ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעזֶען דֶער מַצָּב אַז עֶר הָאט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וָואס צוּ דֶערְלֵייגְן, מֶען הָאט שׁוֹין סֵייוִוי אַלֶעס צוּגֶענוּמֶען פוּן אִים, הָאט עֶר זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז יֶעצְט אִיז דִי רִיכְטִיגֶע צַייט אוֹיסְצוּפִירְן זַיין שְׁטְרֶעבְּן אוּן הָאט צוּגֶעאֵיילְט זַיינֶע טְרִיט קַיין אוּמַאן צוּם צִיּוּן פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן.

פוּן דִי מִינוּט וָואס עֶר אִיז אָנְגֶעקוּמֶען צוּם הֵיילִיגְן אָרְט הָאט עֶר זִיךְ מוֹרָא׳דִיג בַּאנֵייט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פְרִישְׁקֵייט אִין עֲבוֹדַת ה׳. עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן צוּ דַאוֶוענֶען מִיט אַ זִיסְקֵייט. יֶעדֶעס וָוארְט פוּן דַאוֶוענֶען הָאט עֶר אַרוֹיסְגֶעזָאגְט מִיט אַזַא כַּוָונָה, מִיט חֵן אוּן גֶעשְׁמַאק, אַז וֶוער עֶס הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הֶערְן זַיין תְּפִלָּה אִיז זַיין הַארְץ צוּגַאנְגֶען פוּן וַוארֶעמְקֵייט אוּן בְּרֶען.

נָאכְדֶעם הָאט עֶר זִיךְ דֶערְוואוּסְט אַז ס׳אִיז דָא נָאךְ עֶרְלִיכֶע אִידְן, תַּלְמִידִים פוּן רֶבִּ׳ין, וֶועלְכֶע זֶענֶען מְקוּשָׁר צוּם הֵיילִיגְן צַדִּיק, אִיז עֶר אַרוּמְגֶעפָארְן זֵיי זוּכְן, אַזוֹי אַרוּם אִיז עֶר אָנְגֶעקוּמֶען צוּם טְשֶׁעהִרִינֶער רָב זַ״ל וֶועלְכֶער הָאט אִים אוֹיפְגֶענוּמֶען בְּסֵבֶר פָּנִים יָפוֹת. עֶטְלִיכֶע טֶעג הָאבְּן זֵיי אַרוּמְגֶערֶעדְט אִין עֲבוֹדַת ה׳. דֶער טְשֶׁעהִרִינֶער רָב אִיז זֵייעֶר נִתְפָּעֵל גֶעוָוארְן פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל קַארְדוּנֶער זַ״ל, אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט גֶעזָאגְט אַז דָאס וָואס דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אִין סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת בַּיי דִי מַעֲשֶׂה פוּן דִי פְּלִיג מִיטְ׳ן שְׁפִּין:

״אוּן עֶר הָאט גֶענוּמֶען שְׁבוּיִם אוּן צְוִוישְׁן דִי שְׁבוּיִם אִיז גֶעוֶוען אַ יְפַת תּוֹאַר, וָואס זִי הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי חֵן פוּן דֶער וֶועלְט...״ הָאט דֶער טְשֶׁעהִרִינֶער רָב זִיךְ אוֹיסְגֶעדְרִיקְט, אַז דִי יְפַת תּוֹאַר, דָאס אִיז מְרַמֵּז אוֹיף ר׳ יִשְׂרָאֵל זַ״ל, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ וואוּנְדֶערְלִיכֶער מֶענְטְשׁ אוּן זַיין עֲבוֹדָה הָאט גֶעהַאט אַלֶע עֶרְלֵיי חֵן פוּן דֶער וֶועלְט...

נָאךְ עֶטְלִיכֶע טֶעג וָואס ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעוַויילְט בַּיים טְשֶׁעהִרִינֶער רָב, הָאט עֶר אִים גֶעשִׁיקְט צוּם חָסִיד, ר׳ מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבֶער זַ״ל, וֶועלְכֶער אִיז גֶעוֶוען אַ תַּלְמִיד פוּן ר׳ נָתָן זַ״ל. דָארְט הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעלֶערְנְט אוּן בַּאקוּמֶען זַיין עִיקָר לִמּוּד, דֶעם רֵיינֶער דַּעַת פוּן רֶבִּי׳ן אוּן אִיז גֶעוֶוען מְחֻבָּר צוּ ר׳ מֹשֶׁה בְּרֶסְלֶבֶ׳ער מִיטְן גַאנְצְן הַארְץ. נָאךְ דֶער פְּטִירָה פוּן ר׳ מֹשֶׁה הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל גֶעהַאלְטְן זַיין יָארְצַייט

אַזוֹי ווי אַ קינְד פַאר זַיין טַאטְן!

די טֶעג זֶענֶען שְׁנֶעל גֶעלָאפְן און ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט זִיךְ צוּרִיקְגֶעקֶערְט אַהֵיים. עֶר הָאט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם נִישְׁט גֶעקְרִיגְט נָאר פַארְקֶערְט, עֶר הָאט שְׁטַארְק מְכַבֵּד גֶעוֶוען זַיין טַאטֶע און מַמְשִׁיךְ גֶעוֶוען צוּ דִינֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער מִיט תְּמִימוּת. מִיט די צַייט הָאט דֶער טַאטֶע אַיינְגֶעזֶען אַז די וֶועג פוּן זַיין זוּהְן ר׳ יִשְׂרָאֵל אִיז אֱמֶת, ס׳אִיז אַ גוּטֶע און רִיכְטִיגֶע וֶועג, עֶר הָאט גֶעזֶען אַז זַיין זוּן אִיז נָאר מֶער עֶרְלִיכֶער גֶעוָוארְן, עֶר בַּאדִינְט אִים מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת און אִיז אִים מְכַבֵּד אֲפִילוּ מֶער ווי די אַנְדֶערֶע בְּרִידֶער, הָאט עֶר שְׁטַארְק חֲרָטָה גֶעהַאט פַארְוָואס עֶר הָאט אִים אַזוֹי גֶע׳רוֹדְפְ׳ט און הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן ר׳ יִשְׂרָאֵל זִיךְ אִיבֶּערְגֶעבֶּעטְן מִיט אִים. אוֹיךְ הָאט עֶר צוּרִיקְגֶעצוֹיגְן פוּן וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט צוּנֶעמֶען פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל די יְרוּשָּׁה. אַזוֹי הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיבֶּערְצוּגֵיין די שְׁוֶוערֶע כְוַואלֶיעס פוּן די מַחֲלוֹקֶת מִיט תְּמִימוּת און אֱמֶת, אָן צוּרִיק עֶנְטְפֶערְן און זִיךְ קְרִיגְן. אַשְׁרֵי לוֹ וְאַשְׁרֵי חֶלְקוֹ.

אָבֶּער נִישְׁט אַ אִיד ווי ר׳ יִשְׂרָאֵל וֶועט זִיךְ לָאזְן פַארְבְּרֶענְגֶען זַיינֶע טֶעג. עֶר טְרַאכְט וַוייטֶער נָאר פוּנֶעם תַּכְלִית וָואס קֶען עֶר וַוייטֶער טוּן אִין עֲבוֹדַת ה׳. ר׳ יִשְׂרָאֵל הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן בֶּענְקֶען און הָאפְן אָנְצוּקוּמֶען קַיין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל.

עֶס וֶוערְט דֶערְצֵיילְט (אִין אוֹצָר נַחֲמָנִי) אַז אַ לַאנְגֶע צַייט הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּאפִּירְן וָואס גִיבְּט אַן עֶרְלוֹיבֶּענִישׁ צוּ אַרַיינְגֵיין אִין די גְרֶענִיצְן פוּן אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל, דָאךְ הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל זֵייעֶר שְׁטַארְק גֶעוָואלְט שׁוֹין זַיין אִין די הֵיילִיגֶע לַאנְד אִיז עֶר גֶעפָארְן אָן קַיין פַּאפִּירְן. וֶוען אֵיינֶער אוֹיפְן שִׁיף הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט: "ווי פָארְט מֶען אַזוֹי אָן קַיין פַּאפִּירְן, מֶען קֶען אִים דָאךְ צוּרִיק שִׁיקְן און די גַאנְצֶע שְׁוֶוערֶע וֶועג וֶועט גֵיין צוּגְרוּנְד?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אַז עֶר הָאט זִיךְ מְיַשֵּׁב גֶעוֶוען אַז וֶוען עֶר וֶועט אָנְקוּמֶען וֶועט עֶר דָאךְ אַרָאפְּגֵיין פוּנֶעם שִׁיף כְּדֵי צוּ שְׁטֵיין אִין די רֵייעֶ פַאר די וֶועכְטֶערְס וָואס קוּקְן אִיבֶּער די פַּאפִּירְן, וֶועט עֶר דָאךְ גֵיין 'פִיר אַמּוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל', אוֹיבּ אַזוֹי, אַרְט אִים נִישְׁט די שְׁוֶוערֶע רַייזֶע, דֶער עִיקָר עֶר זָאל זוֹכֶה זַיין צוּ גֵיין ד׳ אַמּוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל..."



צוּם סוֹף הָאט ר׳ יִשְׂרָאֵל זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ אַרוֹיפְקוּמֶען וואוֹינֶען אִין די הֵיילִיגֶע לַאנְד עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט די צַדֵּיקֶת "גִיטֶעלֶע" (וָואס הָאט נָאךְ די פְּטִירָה פוּן ר׳ יִשְׂרָאֵל חֲתוּנָה גֶעהַאט מִיט ר׳ נָתָן בַּייטְלְמַאכֶער). און הָאט זִיךְ בַּאזֶעצְט אִין יְרוּשָׁלַיִם. דָארְט הָאט עֶר עוֹסֵק גֶעוֶוען אַסַאךְ אִין הֲפָצָה צוּ דְרוּקְן די הֵיילִיגֶע סְפָרִים פוּן רֶבִּי׳ן וָואס אִין יֶענֶע צַייט אִיז נִישְׁט גֶעוֶוען צוּ בַּאקוּמֶען וֶועגְן די שְׁוֶוערֶע מַחֲלוֹקֶת וָואס אִיז גֶעוֶוען. מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ הָאט עֶר

צאַמְגֶענוּמֶען אַ פְּרוּטָה נָאךְ אַ פְּרוּטָה אוּן גֶעדְרוּקְט סְפָרִים.

ר' יִשְׂרָאֵל פְלֶעגְט אַסאַךְ אַרוֹיסְגֵיין אִין דִי וֶועלְדֶער אוּן פֶעלְדֶער אַרוּם יְרוּשָׁלַיִם אוּן גֶעמַאכְט אַסאַךְ הִתְבּוֹדְדוּת אוּן גֶערֶעדְט דִיבּוּרִים צוּם בַּאשֶׁעפֶער. עֶר הָאט גֶעזוּכְט אַן אָרְט וואוּ עֶר וֶועט קֶענֶען עוֹסֵק זַיין אִין תּוֹרָה וַעֲבוֹדָה אַן קַיין שְׁטֶערוּנְג פוּן קֵיינֶעם. אִיז אִים אַיינְגֶעפַאלְן אַ גֶעדַאנְק אַרוֹיסְצוּפָארְן קַיין מִירוֹן צוּם קֶבֶר פוּנֶעם תַּנָּא ר' שִׁמְעוֹן בַּר יוֹחַאי אוּן זַיין זוּהְן ר' אֶלְעָזָר. מִירוֹן אִיז אִין יֶענֶע צַייט גֶעוֶוען אַ פּוּסְטֶע בַּארְג מִיט בּוֹימֶער. קֵיינֶער הָאט דָארְט נִישְׁט גֶעווֹאוֹינְט, אָבֶער ר' יִשְׂרָאֵל הָאט גֶעבֶּענְקְט צוּ זַיין דָארְט בַּיים הֵיילִיגְן צִיּוּן פוּן ר' שִׁמְעוֹן הָאט עֶר זִיךְ אַרִיבֶּערְגֶעצוֹיגְן דָארְט. שְׁפֶּעטֶער אִיז זַיין רֶעבֶּעצִין מִיט דִי קִינְדֶער גֶעגַאנְגֶען וואוֹינֶען אִין צְפַת אוּן ר' יִשְׂרָאֵל הָאט פַארְוַוייְלְט זַיין וָואךְ בַּיי ר' שִׁמְעוֹן. עֶר הָאט מִיטְגֶענוּמֶען מִיט זִיךְ אַפָּאר בְּרוֹיטְן אָנְהוֹיב וָואךְ אוּן אוֹיף דֶעם הָאט עֶר גֶעלֶעבְּט. שַׁבָּת אִיז עֶר צוּרִיק אַהֵיים גֶעקוּמֶען צוּ זַיין שְׁטוּב אִין צְפַת. (יקרא דחיי)

## דער ריינער קוואל

המשך פון זייט 1

שְׁוועריקַייטְן, פַארְשִׁידֶענֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן מְנִיעוֹת, דַארְפְן מִיר אָבֶער גְלֵייבְן מִיט תְּמִימוּת אַז אַלֶעס אִיז לְטוֹבָה, אֲפִילוּ מֶען זֶעט נִישְׁט קַיין שׁוּם טוֹישׁוּנְג אִין דֶער טֶבַע, גְלֵייבְן מִיר מִיט אֱמוּנָה אַז דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער אִיז בַּאהַאלְטְן אִין אַלֶע צָרוֹת אִין אַלֶע מְנִיעוֹת אוּן יִסוּרִים מִיט מוֹרָא'דִיגֶע וֶועגְן וָואס מִיר קֶענֶען הַיינְט-צוּ-טָאג נִישְׁט פַארְשְׁטֵיין, בִּיז מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועלְן מִיר זֶען אוּן פַארְשְׁטֵיין אַז אַלֶעס וָואס אִיז אַרִיבֶּער אוֹיף אוּנְז אִין גָלוּת אִיז גֶעוֶוען נָאר לְטוֹבָה.

חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה פְרֶעגְן פַארְוָואס זָאגְט מֶען נִישְׁט הַלֵּל פּוּרִים?! חֲנוּכָּה זָאגְט מֶען הַלֵּל, פֶּסַח זָאגְט מֶען הַלֵּל, אַזוֹי אוֹיךְ סֻכּוֹת, פַארְוָואס פּוּנְקְט פּוּרִים זָאגְט מֶען נִישְׁט. עֶנְטְפֶערְט דִי גְמָרָא צְווֵיי תֵּירוּצִים, אֵיינְס ווַייל דָאס אַלֵיין אַז מֶען לֵיינְט דִי מְגִלָּה אִיז שׁוֹין אַ הַלֵּל! מֶען אִיז מְפַרְסֵם דֶעם גְרוֹיסְן נֵס, וָואס קֶען זַיין מֶער פוּן דֶעם? נָאךְ אַ תֵּירוּץ, ווַייל פֶּסַח אִיז מֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיס פְרֵיי, אַלֶע מִצְרִיִּים זֶענֶען דֶערְטְרָאנְקֶען גֶעוָוארְן אִין יַם, דִי אִידְן זֶענֶען אַרוֹיס לְחֵירוּת עוֹלָם, אָבֶער פּוּרִים אִיז גֶעוֶוען אַ נֵס אִין פַּאלַאץ פוּן אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, מֶען אִיז נָאכְאַלְץ גֶעבְּלִיבְן קְנֶעכְט פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ, אַזוֹי זֶענֶען מִיר לַיידֶער גֶעבְּלִיבְן עֲבָדִים פַאר אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ אוּן מִיט-דֶעם-אַלֶעם אִיז גֶעוָוארְן אַזַא נֵס פוּן קִיְּמוּ וְקִבְּלוּ – 'לַיְּהוּדִים הָיְתָה אוֹרָה' זוֹ תּוֹרָה 'וְשָׂשׂוֹן' מַאכְן בְּרִית מִילָה, לֵייגְן תְּפִלִּין אוּן הִיטְן יָמִים טוֹבִים, אוּן אִין דִי גְזֵרָה וֶוען נָאכְאַלְץ זֶענֶען מִיר אוּנְטֶער אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ הָאבְן מִיר רְשׁוּת צוּ זַיין אִידְן אָפֶּענֶערְהֵייט, דוּרְךְ דֶעם אֲחַשְׁוֵרוֹשׁ וָואס הָאט פַארְדֶעם גוֹזֵר גֶעוָוארְן לַהֲרוֹג וּלְאַבֵּד אִיז גֶעוָוארְן אַ וְנַהֲפוֹךְ הוּא אוּן דִי אִידְן הָאבְן גֶעקֶענְט בּוֹיעֶן דֶעם בֵּית הַמִּקְדָּשׁ.

דֶער רֶבִּי זָאגְט דָאךְ אַז 'יֵשׁ עִנְיָן שֶׁיִּתְהַפֵּךְ הַכֹּל לְטוֹבָה', אִיז פּוּרִים אִיז גֶעוָוארְן אַ וְנַהֲפוֹךְ הוּא. דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּגְרֵייטְן אוֹיף פּוּרִים אַזוֹי ווִי ר' נָתָן בֶּעט אִין דִי תְּפִלָּה אוֹיף פּוּרִים, 'מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען צוּגְרֵייטְן צוּ דִי לִיכְטִיגְקַייט קְדוּשָּׁה אוּן טָהֳרָה פוּן פּוּרִים, וָואס יֶעדֶעס יָאר קוּמְט אַרָאפּ אַ נַייעֶ לִיכְט, נַייעֶ נִסִּים, וָואס אִידְן דַארְפְן הָאבְן סַיי בְּרוּחָנִיּוּת אוּן סַיי בְּגַשְׁמִיּוּת'. אִין זְכוּת פוּן מָרְדְּכַי הַצַּדִּיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַּלְכָּה אוּן אַלֶע צַדִּיקִים וֶועלְן מִיר זוֹכֶה זַיין אַז דָאס יָאר וֶועט זַיין 'וְנַהֲפוֹךְ הוּא אֲשֶׁר יִשְׁלְטוּ הַיְּהוּדִים הֵמָּה בְּשׂוֹנְאֵיהֶם' מֶען וֶועט זוֹכֶה זַיין צוּ אוֹרָה וְשִׂמְחָה וְשָׂשׂוֹן וִיקָר כֵּן תִּהְיֶה לָנוּ בִּמְהֵרָה בְּיָמֵינוּ אָמֵן.

# אײַן מעשה'לע



*דער באַשעפער באַוויינט וואונדער*
*פאר צײַנע ליבע קינדער*

## מוֹשַׁב טוֹב יָשַׁבְתְּ

איך וויל פאַרצײלן מײַן מַעֲשֶׂה וָואס איז גֶעשֶׁען צוּ מִיר דִי וָואךְ.

מִיר איז גֶעוֶוען בַּאשֶׁערְט צוּ זִיצְן אין חֶדֶר מֶער אין פָּארְנְט נֶעבְּן דער מְלַמֵּד, אָבֶער אִיךְ גְלַייךְ נִישְׁט דֶעם פְּלַאץ הָאבּ אִיךְ גְלַייךְ גֶענוּמֶען מַאכְן תְּפִלּוֹת אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זִיצְן מֶער פוּן אוּנְטְן, וָואס גֶעווֶענְלִיךְ אִיז עֶס אוּמְמֶעגְלִיךְ, וַוייל אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אֵיינְמָאל דָארְט גֶעזִיצְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ פָּארְט גֶעמַאכְט תְּפִלָּה צוּם בַּאשֶׁעפֶער מִיט אַן אֱמוּנָה אַז אִיךְ וֶועל בַּאקוּמֶען אַ פְּלַאץ פוּן אוּנְטְן.

וֶוען מֶען הָאט שׁוֹין אוֹיסְגֶעטֵיילְט פַאר אַלֶע קִינְדֶער זֵייעֶרֶע פְּלֶעצֶער הָאבּ אִיךְ טַאקֶע בַּאקוּמֶען דֶעם פְּלַאץ אִין פָּארְנְט וָואס אִיךְ הָאבּ נִישְׁט אַזוֹי לִיבּ אוּן עֶס הָאט מִיר זֵייעֶר גֶעשְׁטֶערְט, הָאבּ אִיךְ אוֹיף דִי מִינוּט גֶעמַאכְט אַ קוּרְצֶע תְּפִלָּה: "בַּאשֶׁעפֶער אִיךְ ווִיל דָא נִישְׁט זִיצְן!", גְלַייךְ דֶערְמָאנְט הָאט זִיךְ אַ חַבֵר אָנְגֶערוּפְן: "אִיךְ וויל זִיצְן אוֹיף דֶעם פְּלַאץ" אוּן אוֹמֵר וְעוֹשֶׂה, עֶר הָאט זִיךְ גֶעבִּיטְן פְּלַאץ מִיט מִיר, עֶס וָואלְט נִישְׁט גֶעקֶענְט גֶעשֶׁען אַזַא מַעֲשֶׂה נָאר מִיט תְּפִלָּה!

**מֵיילֶעך**

## אַ רִיכְטִיגֶע בְּחִינָה

דִי וָואךְ הָאבְּן אוּנְז גֶעהַאט אַסַאךְ חֲזָרוֹת אוּן בְּחִינוֹת הָאבּ אִיךְ יֶעדְן מָאל עֶקְסְטֶער גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל הֲנָאָה הָאבְּן פוּן חֲזֶר'ן, עֶס פַארְשְׁטֵיין אוּן עֶס גוּט קֶענֶען, אוּן מַמָּשׁ וואוּנְדֶער אִיבֶּער וואוּנְדֶער, בַּיי יֶעדֶע פַארְהֶער בַּאזוּנְדֶער אִיז גֶעשֶׁען גְרוֹיסֶע נִסִּים אוּן אִיךְ הָאבּ עֶס גֶעקֶענְט וואוּנְדֶערְבַּאר...

**אָשֵׁר יַעֲקֹב**

## אַ נִיגוּן אַ מַתָּנָה

עֶס אִיז גֶעוֶוען פַאר אַ יָאר אַ שֵׁיינֶע מַעֲמַד וָואס אִיךְ בִּין גֶעוֶוען דָארְט, אוּן דָארְט הָאט מֶען אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע נִיגוּן. דִי וָואךְ הָאבּ אִיךְ גֶעהֶערְט אַז עֶס גֵייט נָאכַאמָאל זַיין דֶער מַעֲמַד אוּן אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַהִין גֵיין צוּ קֶענֶען הֶערְן דֶעם נִיגוּן, אָבֶער אַזוֹי ווִי אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט דִי מֶעגְלִיכְקֵייט צוּ פָארְן בִּיז אַזוֹי ווַייט בִּפְרָט נָאר צוּ הֶערְן דִי אֵיינְצִיגֶע נִיגוּן, הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן דֶעם אוֹיבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ ווִיל הֶערְן עֶרְגֶעץ וואוּ דֶעם נִיגוּן, כָאטְשׁ אִיךְ הָאבּ גֶעוואוּסְט אַז סְ'אִיז נִישְׁט מֶעגְלִיךְ.

דֶער אוֹיבֶּערְשְׁטֶער הָאט אוֹיסְגֶעהֶערְט מַיין תְּפִלָּה אוּן עֶר הָאט מִיר אַרֵיינְגֶעשִׁיקְט דֶעם נִיגוּן צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ, אַ חַבֵר מַיינֶער וָואס אִיז דָארְט גֶעוֶוען הָאט אָן מַיין ווִיסְן מִיר גֶעבְּרֶענְגְט דֶעם נִיגוּן צוּ מִיר אִין שְׁטוּבּ אָן עֶר זָאל ווִיסְן אַז אִיךְ לֶעכְצְט אַזוֹי צוּ הֶערְן דֶעם נִיגוּן!!

**אֶפְרַיִם**

דער געווינער פון 'גאר מיין זאך איז תפלה' פרשת משפטים איז
הילד החשוב נתנאל גאלדוועי

מען קען אפנעמען די מתנה אין חדר ברסלב ביי ר' יואל יאראוויטש, בית שמש
אדער ביי ר' משה געפנר ירושלים, אדער בן איש חי 54 דירה 11

# "בדיחותא"

# משנכנס אדר מרבין בשמחה

דער רבי ז"ל לערנט אונז "מִצְוָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת בְּשִׂמְחָה תָּמִיד" עס איז א גרויסע מצוה צו זיין שטענדיג פריילעך בפרט ווען עס קומט חודש אדר דארפן מיר אוודאי מערן שמחה און פרייד זיך היטן פון טרויער און זארג און פארטרייבן פון אונזער הארץ אלע שווארצע מרה שחורות... און אמאל זאגט דער רבי ז"ל, דארף מען זיך אפילו נאריש מאכן כדי צו זוכה זיין צו שמחה אזוי ווי עס שטייט: (קיצור ליקו"מ ח"ב ח אות ו)

"גַּם כַּמָּה פְּעָמִים צְרִיכִין לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ עַל-יְדֵי מִלֵּי דְּשְׁטוּתָא מִלֵּי דְּבְדִיחוּתָא" עס איז דא מאלן וואס מען דארף זיך פריילעך מאכן מיט א נארישער ווארט אדער א ווערטל.

"וּמֵרִבּוּי צָרוֹת הָאָדָם שֶׁסּוֹבֵל כָּל אֶחָד בְּגוּף וָנֶפֶשׁ וּמָמוֹן, עַל כֵּן עַל-פִּי רֹב אֵין יְכוֹלִין לְשַׂמֵּחַ אֶת עַצְמוֹ כִּי אִם עַל-יְדֵי מִלֵּי דְּשְׁטוּתָא, לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כְּשׁוֹטֶה כְּדֵי לָבוֹא לְשִׂמְחָה" און פון רוב צרות וואס גייט אדורך אויפן אלעמען, בגוף, נפש אדער אין געלט זאכן איז על פי רוב קען מען זיך נישט פריילעך מאכן נאר אז מען מאכט זיך אביסל נאריש ... מען מאכט זיך אזוי ווי א שוטה כדי צו זוכה זיין צו שמחה, אזוי אויך לערנט אונז דער רבי אז בדיחא דעתיה - א ווערטל איז א גרויסע

זאך צוצוברענגען די שמחה צום מח, אזוי אז דער מח ווערט באפרייט און מען קען זוכה זיין דורך דעם צו ישוב הדעת.

מיט דעם אלעם האבן זיך אונזערע לייט זייער געהיט פון צו זאגן סתם ווערטלעך און ליצנות מאכן אזוי ווי דער דרך העולם איז אז מען זיצט צוזאמען און איינער זאגט א ווערטל און אלע לאכן א.ד.ג. ווייל די סכנה פון ליצנות איז זייער גרויס, עס איז דער עיקר כח פון עמלק וואס מאכט קאלט, עס קילט אפ פון אידישקייט, דעריבער אזוי ווי עס קומען די הייליגע טעג פון חודש אדר און מען וויל זיך שטארקן אין שמחה קומט אויך אנטקעגן קליפת המן עמלק מיט זיינע נארישע ליצנות און וויל פארבייטן אונזער הייליגע שמחה וואס וועקט אויף דעם מענטש צום באשעפער מיט זיינע ביליגע נידריגע וויצן און ווערטלעך וואס קילט אפ און דערוויטערט פונעם תכלית.

דערפאר דארף מען אסאך בעטן דעם באשעפער און אפלערנען ריכטיג ווי אזוי דער רבי ז"ל און זיינע תלמידים האבן זיך פריילעך געמאכט ווייל אזוי ווי אין יעדע זאך אין עבודת השם אזוי אויך אין שמחה דארף מען זיך לערנען ביים רבי'ן וואס טאקע אן אמת'ע שמחה באדייט, און אפילו זיך נאריש מאכן דארף א לימוד אזוי ווי דער רבי שרייבט: (שיחות הרן טז) "אָמַר: שֶׁהוּא חָכְמָה וּמְלָאכָה גְּדוֹלָה לִהְיוֹת כְּמוֹ בְּהֵמָה... הַיְנוּ שֶׁהוּא חָכְמָה לַעֲשׂוֹת עַצְמוֹ כִּבְהֵמָה" עס איז א עקסטערע חכמה און א מלאכה צו זיין אזוי ווי א בהמה... דאס מיינט זיך צו מאכן אזוי ווי א בהמה (זיך פירן בתמימות).

דאס מיינט נישט חס ושלום אז פון יעצט זאל מען זיין צעבראכן און פארזויערט, ווייל

מיר האבן שוין א כלל פון רבי'ן (קיצור ליקו"מ כ"ד) אז "מִלֵּב נִשְׁבָּר בְּקַל יְכוֹלִים לָבוֹא לְמָרָה שְׁחוֹרָה. יוֹתֵר מֵאֲשֶׁר יְכוֹלִים לִכָּשֵׁל עַל-יְדֵי שִׂמְחָה לָבוֹא לְאֵיזֶה הוֹלֵלוּת חַס וְשָׁלוֹם. עַל כֵּן צָרִיךְ שֶׁיִּהְיֶה בְּשִׂמְחָה תָּמִיד" דער רבי לערנט אונז אז די סכנה פון זיין בעצבות איז נאך גרעסער און ערגער ווי צו אנקומען פון שמחה צו הוללות חס ושלום נאר מען דארף זיך אויסלערנען צו זיין אזוי דער רבי האט געזאגט "פרום פריילעך" (שיחות הר"ן קנ"ג)

דעריבער וועלן מיר דא אראפברענגען דברי צחות - גלייך ווערטלעך פונעם רבי'ן ז"ל און פון זיינע הייליגע תלמידים, וואס זייערע דיבורים זענען זיכער געזיפט און אויסגעארבעט פון אלע תאוות און שלעכטע מידות און יעדע איינע פון זיי באהאלט אין זיך מוסר און א געוואלדיגע התעוררות צו עבודת השם, מיט א תפילה מיר זאלן זיך לערנען און זוכה זיין צו גיין אין זייער אויסגעטראטענע וועג ללמוד וללמד לשמור לעשות ולקיים.

## גע'פועל'ט לופט

איינמאל שבת חנוכה נאך ווען דער רבי האט געזאגט די תורה "ראיתי מנורת זהב" וואס דארט רעדט ער ארום וועגן דעם "רוח חיים", האט דער רבי געזאגט פאר די תלמידים: "ווען איר וועט אהיים פארן וועט מען אייך פרעגן וואס האט איר גע'פועל'ט ביי אייער רבי'ן?" וועט איר ענטפערן: מיר האבן גע'פועל'ט לופט... רוח חיים..." ווייל באמת האבן זיי באקומען פונעם רבי'ן א רוח חיים וואס איז משלים אלע חסרונות אזוי ווי עס ווערט אראפגעברענגט באריכות אין יענע תורה.

## אויב גייסטו צו אים קום נישט צו מיר

דער גרויסער תלמיד רבי נתן ז"ל האט זיך זייער געהיט פון ווערטלעך און דברי הלצה. מען דערציילט אז אין ברסלב האט געוואוינט א חסיד פון רבי'ן מיטן נאמען רבי שלמה ראובן זלאטעס (אין יענע צייט פלעגט מען אסאך מאל רופן א מענטש אויפן נאמען פון זיין מאמע וואס האט געהייסן זלאטע) ער איז געווען א גרויסער עובד השם און א לערנער אבער ער האט געהאט איין חסרון ער פלעגט זאגן אסאך ווערטלעך א.ד.ג, אין יענע צייט איז רבי נחמן טולטשינער געווען זייער נאנט צו אים ער פלעגט קומען צו אים אפט צו באקומען א וועג אין תורה און יראת שמים, ווען רבי נתן האט זיך דערוואוסט פון דעם האט אים זייער נישט געפאלן די סארט וועג פון ווערטלעך זאגן, האט ער געזאגט צו רבי נחמן: "דיר צווינגען נישט צו גיין לערנען ביי אים קען איך נישט אבער דאס קען איך דיר זאגן אויב ווילסטו גיין צו אים איז קום נישט צו מיר!" אזוי הארב איז געווען די זאך ביי רבי נתן, אז ער האט געפילט אז עס קען נישט גיין צוזאמען מיט זיינע לימודים.

געלויבט דער אויבערשטער אז רבי נחמן האט טאקע אויפגעהערט צו גיין דארט און איז געבליבן ביי רבי נתן לערנען און באקומען דארט זיין לויטערע דעת, וואס דורך דעם איז אונז געבליבן זיין השארה דער אוצר פון ליקוטי הלכות, ליקוטי תפילות, און נאך אלע הייליגע ספרים וואס רבי נתן האט מחבר געווען און רבי נחמן טולטשינער האט געברענגט צום דרוק.

המשך אויף לעצטע זייט

# ~ דִי צְוֶועלֶעוְוטֶע מַעֲשֶׂה וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט

## דֶער בַּעַל תְּפִלָּה 8




**ווִי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** אִיז אַזוֹי גִיגַאנְגֶען. הָאט עֶר דֶערְזֶעהְן אַז סֶע גֵייעֶן מֶענְשְׁן אוּן בֶּעטְין גָאט בָּרוּךְ הוּא. אוּן זֶענֶען מִתְפַּלֵל. אוּן זֵיי טְרָאגִין סְפָרִים פוּן תְּפִילוֹת.

**הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁרָאקִין פַאר זֵיי.** אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ פַאר אִים אוֹיךְ דֶערְשְׁרָאקִין. הָאט עֶר זִיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵל זַיין. אוּן זֵיי הָאבִּין זִיךְ אוֹיךְ גִישְׁטֶעלְט מִתְפַּלֵל זַיין.

**דֶערְנָאךְ הָאט עֶר זֵיי גִיפְרֶעגְט.** וֶוער זֶענְט אִיר. הָאבִּין זֵיי אִים גִיעֶנְפֶערְט. בַּאֲשֶׁר דֶעמוּלְט אַז דֶער רוּחַ סְעָרָה אִיז גִיוֶוען כַּנַ"ל.

**הָאט זִיךְ דֶעמוּלְט דִי וֶועלְט צוּטֵיילְט** אוֹיף כַּמָּה כִּתּוֹת. דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס. אוּן דִי הָאבִּין זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבְּן דָאס (אַזוֹי וִוי פְּרִיר אִיז גִישְׁטַאנֶען דִי אַלֶע כִּתּוֹת) דֶעמוּלְט הָאבִּין מִיר זִיךְ אוֹיסְגִיקְלִיבִּין אַז דֶער עִיקָר תַּכְלִית אִיז נָאר עוֹסֵק צוּ זַיין תָּמִיד אִין תְּפִלָּה צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ.

**הָאבִּין מִיר זִיךְ גִיזוּכְט.** אוּן מִיר הָאבִּין גִיפוּנֶען אַ בַּעַל תְּפִלָּה. אוּן מִיר הָאבִּין אִים גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ. וִוי דֶער בַּעַל תְּפִלָּה הָאט דָאס דֶערְהֶערְט. אִיז דָאס אִים זֵייעֶר ווָאוֹיל גִיפֶעלִין. ווָארִין דָאס וִויל עֶר זִיךְ.

**הָאט עֶר מִיט זֵיי אָנְגִיהוֹיבִּין צוּ שְׁמוּסִין.** אוּן הָאט זֵיי גְווִיזִין דֶעם סֵדֶר פוּן זַיינֶע תְּפִילוֹת אוּן זַיינֶע סְפָרִים אוּן זַיינֶע זַאכִין וָואס עֶר הָאט אוֹיף תְּפִילוֹת.

**ווִי זֵיי הָאבִּין דֶערְהֶערְט** זַיינֶע רֵייד. הָאבִּין זִיךְ זֵיי דִי אוֹיגִין גִיעֶפִינְט. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן דֶעם בַּעַל תְּפִלָּה.

**הָאבִּין זֵיי אִים תֵּיכֶּף** גִימַאכְט פַאר אַ מֶלֶךְ אִיבֶּר זִיךְ. ווָארִין זֵייעֶר מֶלֶךְ הָאט אִים מוֹחֵל גִיוֶוען דִי מְלוּכָה. ווָארִין זֵיי הָאבִּין גִיזֶעהְן אַז עֶר אִיז זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער מַאן.

**הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** מִיט זֵיי גִילֶערִינְט. אוּן הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין. אוּן הָאט זֵיי גְוִויזִין וִוי אַזוֹי תְּפִלָּה צוּ טָאן צוּ הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ. אוּן עֶר הָאט זֵיי גִימַאכְט פַאר זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים גְמוּרִים. ווָארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ פְּרִיר אוֹיךְ גִיוֶוען צַדִיקִים. ווָארִן זֵיי הָאבִּין זִיךְ עוֹסֵק גִיוֶוען נָאר אִין תְּפִלָּה.

**לוּשְׁמִיר דֶער בַּעַל תְּפִלָּה** הָאט זֵיי גִיעֶפִינְט דִי אוֹיגִין בִּיז זֵיי זֶענֶען גִיוָוארִין זֵייעֶר גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. הָאט דֶער בַּעַל תְּפִלָּה גִישִׁיקְט אַ בְּרִיב צוּם גִיבּוֹר. אוּן הָאט אִים מוֹדִיעַ גִיוֶוען. אַז עֶר הָאט זוֹכֶה גִיוֶוען אוּן הָאט גִיפוּנֶען אַזוֹינֶע מֶענְשְׁן וִוי עֶר וִויל. אוּן אִיז גִיוָוארִין מֶלֶךְ אִיבֶּער זֵיי.

**אוּן דִי מְדִינָה הַנַּ"ל** (דְהַיינוּ דִי מְדִינָה פוּן גֶעלְט וָואס בַּיי זֵיי אִיז דָאס גֶעלְט דֶער עִיקָר גִיוֶוען וְכוּ' כַּנַּ"ל) **זֵיי הָאבִּין וַוייטֶער עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע זַאכִין אוּן אִין זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת** (דְהַיינוּ וָואס זֵיי פְלֶעגִין טוּן ווִילְדֶע זַאכִין אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין דְהַיינוּ צוּ דִי וָואס הָאבִּין גִיהַאט פִיל גֶעלְט כַּנַּ"ל)

**אוּן דִי צַייט** וָואס דֶער גִבּוֹר הָאט זֵיי נָאךְ גִיגִיבְּן. הָאט שׁוֹין אָנְגִיהוֹיבִּין בַּאלְד אוֹיס צוּגֵיין דִי צַייט. הָאבִּין זֵיי זִיךְ זֵייעֶר גִישְׁרָאקִין. אוּן זֵיי הָאבִּין גִיטָאן זֵייעֶרֶע עֲבוֹדוֹת. אוּן הָאבִּין מַקְרִיב גִיוֶוען קָרְבָּנוֹת אוּן קְטוֹרֶת אוּן הָאבִּין עוֹסֵק גִיוֶוען אִין זֵייעֶרֶע תְּפִילוֹת וָואס זֵיי פְלֶעגִין מִתְפַּלֵל צוּ זַיין צוּ זֵייעֶרֶע גָאטִין.

**זַיי הָאבִּין גְחַאפְּט אַ חַיֶה'לֶע.** דְהַיינוּ אַזוֹי אַ מֶענְש וָואס עֶר הָאט וֵוייניג גֶעלְט אוּן הָאבִּין אִים מַקְרִיב גִיוֶועןפַּאר אַ קָרְבָּן צוּ זֵייעֶרע גָאטִין.

**אוּן סֶע אִיז בַּיי זַיי גִיבְּלִיבְּן דִי דֵיעָה** אַז זַיי מוּזִין טוּן דִי עֶרְשְׁטֶע עֵצָה וָואס מֶע הָאט זֵיי גִיגִיבְּן. אַז זֵיי זָאלִין שִׁיקִין צוּ דֶער מְדִינָה וָואס זֵיי זֶענֶען דָארְט אַלֶע גָאטִין וָוארִין זֵיי הָאבִּין דָארְט זֵייעֶר וִוילְד גְרוֹיס עַשִׁירוּת (וָואס נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ זֶענֶען זֵיי אַלֶע גָאטִין וְכוּ' כַּנַ"ל) **אוּן דִי מְדִינָה** וֶועט זֵיי בְּוַדַאי הֶעלְפִין. וָוארִין זֵיי זֶענֶען זִיךְ אַלֶע גָאטִין כַּנַ"ל.

**הָאבִּין זֵיי אַזוֹי גִיטָאן.** אוּן הָאבִּין גִישִׁיקְט שְׁלוּחִים אַהִין צוּ דֶער מְדִינָה הַנַ"ל.

**דֶערְוַוייל אִין וֶועג.** וִוי דִי שְׁלוּחִים זֶענֶען גִיגַאנְגֶען. זֶענֶען זֵיי פַּארְבְּלָאנְדְזֶעט גִיוָוארִין. הָאבִּין זֵיי דֶערְזֶעהְן אַ מֶענְש וָואס עֶר אִיז גִיגַאנְגֶען מִיט אַ שְׁטֶעקִין. וָואס זַיין שְׁטֶעקִין הָאט אָנְגִיטְרָאפִין מֶער פוּן אַלֶע זֵייעֶרע גָאטִין.

**דְהַיינוּ דֶער שְׁטֶעקִין** זַיינֶער אִיז גִיוֶוען גִיזֶעצְט מִיט זֵייעֶר טַייעֶרֶע דוּמִיטִין. וָואס דֶער שְׁטֶעקִין אִיז וֶוערְט גִיוֶוען מֶער אֵיידֶער דָאס עַשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרע אַלֶע גָאטִין. מֶע זָאל צוּם אוֹיף נֶעמֶען גָאר דָאס עַשִׁירוּת פוּן זֵייעֶרֶע גָאטִין אוּן אַפִילוּ פוּן דִי גָאטִין פוּן יֶענֶער מְדִינָה וָואס זֵיי גֵייעֶן צוּ זֵיי אִיז דֶער שְׁטֶעקִין מֶער וֶוערְט גִיוֶוען פוּן זֵייעֶרֶע אַלֶע עַשִׁירוּת.

**וִוידֶער אִיז דֶער מֶענְש גִיגַאנְגֶען** אִין אַ קַאפִּילִיש וָואס סֶע אִיז אִין אִים גִיוֶוען דוּמִיטִין. וָואס דֶער קַאפִּילִיש אִיז אוֹיךְ וֶוערְט גֶוֶוען וִוילְד פִּיל. וִוי דִי שְׁלוּחִים הָאבִּין דֶעם מֶענְטְשְׁן דֶערְזֶעהְן. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין פַאר אִים בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. (דְהַיינוּ זֵיי הָאבִּין זִיךְ גִיבּוּקְט פַאר אִים זֵייעֶר פִּיל)

**וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע דֵיעָה** נָאךְ אִיז זִיךְ דֶער מֶענְש אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין. וָוארִין עֶר הָאט זִיךְ אַזוֹי אַ וִוילְד גְרוֹיס עַשִׁירוּת

**הָאט דֶער מֶענְש גִיזָאגְט צוּ זֵיי.** הָאט דָאס אִיז בַּיי אַייךְ אַ חִידוּשׁ. קוּמְט מִיט מִיר וֶועל אִיךְ אַייךְ וַוייזִין עַשִׁירוּת. הָאט עֶר זֵיי גִיפִּירְט אוֹיף דֶעם בַּארְג וָואס דָארְט אִיז גִיוֶוען אוֹיס גִיסֵדֶר'ט דֶער אוֹצָר פוּן דֶעם מֶלֶךְ.

**הָאט עֶר זֵיי גְוִויזִין דֶעם אוֹצָר.** וִוי זֵיי הָאבִּין דֶערְזֶעהְן דֶעם אוֹצָר. זֶענֶען זֵיי תֵּיכֶף אַנִידֶער גִיפַאלִין בִּכְרִיעָה וְהִשְׁתַּחֲוָיָה. וָוארִין עֶר אִיז זִיךְ אַ גָאט אִיבֶּער אַלֶע גָאטִין (נָאךְ זֵייעֶר נַארִישֶׁע פַארְפִירְטֶע דֵיעָה. וָואס בַּיי זֵיי אִיז דֶער עִיקָר אֱמוּנָה גִיוֶוען דָאס גֶעלְט כַּנַ"ל)

**נָאר קֵיין קָרְבָּנוֹת** הָאבִּין זֵיי נִיט מַקְרִיב גִיוֶוען. וָוארִין נָאךְ זֵייעֶר דֵיעָה נָאךְ אַז דֶער אִיז אַזוֹי אַ גָאט וְכוּ' וָואלְטִין זֵיי זִיךְ צוּ אִים בְּוַדַאי מַקְרִיב גִיוֶוען. נָאר מֶע הָאט דִי שְׁלוּחִים אָנְגִיזָאגְט. אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין.

**וָוארִין זֵיי הָאבִּין מוֹרָא גִיהַאט.** אַז זֵיי וֶועלִין אִין וֶועג קָרְבָּנוֹת מַקְרִיב זַיין. וֶועט פוּן זֵיי גָאר נִיט בְּלַייבִּין. וָוארִין טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער פוּן זֵיי גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר אִין וֶועג. טָאמֶער וֶועט אֵיינֶער גֵיין אִין בֵּית הַכִּסֵא אַרַיין אוּן וֶועט דָארְט גִיפִינֶען אֵיין אוֹצָר. וֶועט עֶר זִיךְ וֶועלִין מַקְרִיב זַיין צוּ אִים. וֶועט פוּן זֵיי קֵיינֶער נִיט בְּלַייבִּין. אִיבֶּער דֶעם הָאבִּין דִי מְדִינָה אָנְגִיזָאגְט דִי שְׁלוּחִים אַז אִין וֶועג זָאלִין זֵיי קֵיין קָרְבָּנוֹת נִיט מַקְרִיב זַיין.

**הָאבִּין זִיךְ דִי שְׁלוּחִים מְיַישֵׁב גְוֶוען.** נָאךְ וָואס זָאלִין זֵיי שׁוֹין גֵיין צוּ יֶענֶע גָאטִין. דְהַיינוּ צוּ דֶער מְדִינָה וָואס מֶע הָאט זֵיי אַהִין גִישִׁיקְט וָואס דָארְט זֶענֶען זֵיי אַלֶע גְרוֹיסֶע עַשִׁירִים וָואס בַּיי זֵיי זֶענֶען זֵיי גָאטִין. אַ מֶער בֶּעסֶער דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ זֵיי בֶּעסֶער קֶענֶען הֶעלְפִין. וָוארִין עֶר אִיז

זיך אַ גאַט איבער זיי אַלע (נאָך זייער מְשוּגָענֶע דֵיעָה נאָך) וואָרן ער האָט זיך אַזוֹי אַ ווילד גרויס עַשִׁירוּת מֶער פוּן זיי אַלע (כִּפְלֵי כִּפְלַיִים).

איבער דעם האָבּין זיי גיבּעטין דעם מענטשן אַז ער זאָל מיט זיי גיין אין זייער מְדִינָה אַריין. איז ער צו זיי מְרוּצֶה גיוואָרן. און איז מיט זיי גיגאַנגען. און איז גיקוּמען אין זייער מְדִינָה אַריין.

איז בּיי דער מְדִינָה גיווען אַ גרויסע שִׂמְחָה. וואָס זיי האָבּין גיקריגין אַזוֹי אַ גאָט. וואָרין זיי זענען שוֹין גיווען פאַרזיכערט אַז דאַרף אים ווען זיי בְּוַודַאי האָבּין אַ הילף. וואָרין ער איז אַזוֹי אַ גאָט וואָרין ער האָט זיך אַזוֹי אַ גרויס עַשִׁירוּת.

האָט דער מענטש גיהייסין (וואָס ער איז עס גיווען דער מְמוּנֶה עַל הָאוֹצְרוֹת פוּן דעם מֶלֶךְ כַּנַ"ל) אַז איידער סע וועט זיין אַ רעכט אין דער מְדִינָה. זאָל מען דערווייל קיין קָרְבָּנוֹת ניט מַקְרִיב זיין (וואָרין דער מְמוּנֶה איז בֶּאֱמֶת גיווען אַ גרויסער צַדִיק. וואָרין ער איז גיווען פוּן די לייט פוּן דעם מֶלֶךְ וואָס זיי זענען גיווען אַלע גרויסע צַדִיקִים זייער. האָט דער מְמוּנֶה בְּוַודַאי זייער פיינט גיהאַט די נאַרישע מִנְהָגִים פוּן דער מְדִינָה. נאָר ער האָט זיי נאָך ניט גיקענט אַרויס פירין פוּן זייער שלעכטין וועג. לוּשְׁמִיר דערווייל האָט ער גיהייסין אַז מע זאָל חאַטשע קיין קָרְבָּנוֹת ניט מַקְרִיב זיין).

האָט די מְדִינָה אים אָנגיהויבּין צו בּעטין מִכֹּחַ דעם גִבּוֹר הַנַ"ל. וואָס זיי האָבּין פאַר אים זייער מוֹרָא כַּנַ"ל. און דער מְמוּנֶה האָט זיי אויך גיענטפערט אויבּ סע ניט דער גיבּוֹר. (וואָס ער ווייסט) האָט זיך אויף גיהויבּין דער מְמוּנֶה. און איז אַרויס גיגאַנגען צוּם גִבּוֹר.

און ער האָט גיבּעטין די לייט פוּן דעם גִבּוֹר. אויבּ סע איז מֶיגְלִיךְ זיך צו זעהן מיט אים. האָבּין זיי גיזאָגט. זיי וועלין מעלדיוען. האָבּין זיי גימעלדיוועט האָט ער גיהייסין. אים אַריין לאָזין.

איז דער מְמוּנֶה אַריין גיגאַנגען צוּם גִבּוֹר. האָבּין זיי זיך איינס דאָס אַנדערע דערקאַנט. איז צווישן זיי גיווען שִׂמְחוֹת און בְּכִיוֹת כַּנַ"ל (דְהַיינוּ זיי זענען זייער פְרֵיילִיךְ גיווען וואָס זיי האָבּין זוֹכֶה גיווען זיך גיפינען איינער דעם אַנדערין. און האָבּין ווידער זייער גיוויינט. ווי נעמט מען נאָך די איבּריקע לייט הַנַ"ל)

האָט דער גִבּוֹר זיך אָנגירוּפין צוּם מְמוּנֶה. אונזער כְּשֶׁרער בַּעַל תְּפִלָּה איז אויך דאָ. און איך האָבּ אים שוֹין גיזעהן. און ער איז שוֹין גיוואָרין אַ מֶלֶךְ.

האָט דער מְמוּנֶה דערציילט דעם גִבּוֹר. אַז ער איז איבער גיגאַנגען איבער אַלע דְהַיינוּ איבער דעם אָרט פוּן דעם מֶלֶךְ מיט די לייט הַנַ"ל.

נאָר איבער זיי בּיידע איז ער ניט איבער גיגאַנגען דְהַיינוּ איבער דעם אָרט פוּן דעם בַּעַל תְּפִלָּה מיט דעם גִבּוֹר איז ער ניט איבער גיגאַנגען.

האָט דער מְמוּנֶה גישמוּסט מיט דעם גִבּוֹר מִכֹּחַ דער מְדִינָה וואָס זיי זענען אַזוֹי פאַרנאַרישט גיוואָרין און זענען אַזוֹי פאַרפירט גיוואָרין אין דעם געלט בּיז זיי זענען אַריין גיפאַלין אין אַזוֹינע נאַרישקייט.

האָט דער גבּוֹר גיענטפערט דעם מְמוּנֶה. דאָס וואָס ער האָט גיענטפערט דעם בַּעַל תְּפִלָּה. אַז ער האָט גיהערט פוּן דעם מֶלֶךְ. אַז ווער סע פאַלט אַריין אין דער תַּאֲוָה פוּן געלט קאָן מען אים בְּשׁוּם אוֹפן ניט אַרויס נעמען דערפוּן נאָר דוּרךְ דעם וועג וְכוּ' כַּנַ"ל.

האָבּין זיי ווייטער מַרְחִיב זְמַן גיווען דְהַיינוּ דער מְמוּנֶה האָט גיפוֹעלט בּאַם גִבּוֹר אַז ער זאָל דער מְדִינָה נאָךְ גיבּין אַ צייט ווייטער. האָט זיי דער גִבּוֹר גיגיבּין נאָךְ אַ צייט. דערנאָךְ האָבּין זיי זיך גימאַכט סִימָנִים צווישן זיך דער מְמוּנֶה מיט דעם גִבּוֹר.

הדפסת הגליון נתנדב
ע"י ר' יוסף לייפער הי"ו
לרגל נישואי בתו למזל טוב

### תפלה פאר פורים

רַאטֶעוֶוע מִיר פוּן דִי קְלִיפָּה פוּן הָמָן עֲמָלֵק, אוּן אִיךְ וִויל זוֹכֶה זַיין צוּ דִי הֵיילִיגְקַייט פוּן מָרְדְכַי הַצַדִיק אוּן אֶסְתֵּר הַמַלְכָּה .

טַאטֶע, אִיךְ דַארְף יֶעצְט הָאבְּן ווּאוּנֶדֶערְלִיכֶע נִסִים, אוּן גְרוֹיסֶע פָּארְכְטִיגֶע יְשׁוּעוֹת, אַזוֹי וִוי דוּ הָאסְט גֶעטוּן צוּ כְּלַל יִשְׂרָאֵל אִין אַלֶע דוֹרוֹת, נִסִים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים, אִין דִי צַייטְן פוּן מָרְדְכַי אוּן אֶסְתֵּר, וֶוען הָמָן הָרָשָׁע יִמַח שְׁמוֹ וְזִכְרוֹ אִיז אוֹיפְגֶעשְׁטַאנֶען אוֹיף דִי אִידְן.

וָואס דֶער נֵס פוּן פוּרִים אִיז גְרֶעסֶער פוּן אַלֶע נִסִים וָואס דוּ הָאסְט גֶעטוּן פוּן אַלֶעמָאל. אוּן דוּ הָאסְט אוּנְז צוּאוִויסְן גֶעטוּן דוּרְךְ דַיינֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה: אַז "אַלֶע מוֹעֲדִים וֶוען וֶוערְן בָּטֵל אָבֶער דִי טֶעג פוּן פוּרִים וֶועלְן נִישְׁט בָּטֵל וֶוערְן". אִין אָנְהֵייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פֶּסַח, וַוייל אַלֶע יָמִים טוֹבִים זֶענֶען אַ זֵכֶר צוּ יְצִיאַת מִצְרַיִם, אוּן הַיינְט....(אִיז אַלֶע הַתְחָלוֹת פוּן פוּרִים

# בחינה אויף ספורי מעשיות

## די צוועלעפטע מעשה (8) - פון דער בעל תפלה

**א. ווער האט זיך געשראקן פון וועם?**
- ❑ דער בעל תפלה פון די מענטשן וואס האבן געדאווענט
- ❑ די מענטשן וואס האבן געדאווענט פון דעם בעל תפלה
- ❑ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ב. וואס האט דער בעל תפלה געוויזן פאר די מענטשן?**
- ❑ מורא'דיגע מופתים
- ❑ די סדר פון זיינע תפלות
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**ג. וואס האבן זיי געטון ווען זיי האבן געהערט זיינע רייד?**
- ❑ זיי האבן נישט מקבל געווען זיין ווערטער
- ❑ זיי האבן אים באדאנקט און זיי זענען געגאנגען ווייטער זייער וועג
- ❑ זיי האבן אים געמאכט מלך איבער זיי

**ד. וואס האט דער בעל תפלה געמאכט פון זיי ?**
- ❑ ערליכע אידן
- ❑ צדיקים
- ❑ זייער גרויסע צדיקים גמורים

**ה. וואס האבן די מדינה של עשירות געטון ווען ס'איז געקומען נענטער די צייט וואס דער גבור האט זיי געבעגן?**
- ❑ זיי האבן זיך מכניע געווען אונטער דעם גבור
- ❑ זיי האבן געבעטן דער בעל תפלה זאל דאווענען פאר זיי
- ❑ זיי האבן מקריב געווען און געדאווענט צו זייערע גאטן

**ו. צו וועמען האבן זיי געשיקט שלוחים?**
- ❑ צום גבור אז ער זאל זיי גיבן נאך צייט
- ❑ צו די מדינה וואס אלע זענען גאטן (לויט זייער דעה)
- ❑ צו דעם בעל תפלה אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור

**ז. וועם האבן די שליחים געטראפן אינמיטן וועג?**
- ❑ מענטשן פון די מדינה וואס דארטן זענען אלע גאטן (לויט זייער דעה)
- ❑ דעם גבור מיט דעם בעל תפלה
- ❑ א מענטש וואס זיין שטעקן איז ווערד מער פון זייער גאנצע עשירות

**ח. וואס האט דער מענטש געוויזן פאר די שלוחים?**
- ❑ די וועג צו די מדינה וואו זיי ווילן אנקומען
- ❑ די בארג וואס אויף דעם איז מסודר די אוצרות פון מלך
- ❑ די וועג צום שווערד פונעם גבור

**ט. האבן די שליחים מקריב געווען צו דעם מענטש?**
- ❑ זיכער
- ❑ ניין
- ❑ נאר איין קרבן

**י. וואס האבן זיי געבעטן פון דעם מענטש?**
- ❑ אז ער זאל רעדן מיט'ן גבור אז ער זאל נאך ווארטן
- ❑ אז ער זאל זיי ווייזן די וועג צו תשובה
- ❑ אז ער זאל גיין מיט זיי צו זייער מדינה

**יא. פארוואס האבן זיך די מדינה של עשירות זייער געפריידט?**
- ❑ ווייל דער גבור האט פארלענגערט די צייט
- ❑ ווייל זיי האבן געטראפן אזא גאט (לויט זייער דעה)
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**יב. וואס האט דער מענטש געהייסן אויף דערווייל?**
- ❑ מ'זאל אוועק ווארפן די געלד
- ❑ מ'זאל זיך מכניע זיין צום גבור
- ❑ מ'זאל נישט מקריב זיין קרבנות

**יג. וואס האט ער געענטפערט ווען דעם גבור?**
- ❑ אז ער איז בכלל נישט א גבור
- ❑ אויב עס איז נישט דער גבור
- ❑ איך קען אים זיכער

**יד. וואס איז געווען ווען ער האט זיך געטראפן מיט דעם גבור?**
- ❑ גרויסע שמחות
- ❑ געוויין
- ❑ ביידע תשובות זענען ריכטיג

**טו. אויף וועלכע פלעצער איז דער ממונה נישט אריבער?**
- ❑ דעם בעל תפלה און דעם גבור
- ❑ דעם מלך און די מלכה
- ❑ דעם חכם און דעם מליץ

***טז. וואס לערנסטו זיך פון די מעשה אויף דערוויל?***
- ❑ *אז דער בעל תפלה מאכט פון זיינע מענטשן צדיקים ________________.*
- ❑ *אז ווען די לייט פון ____ טרעפן זיך ווערט א גרויסע שמחה*
- ❑ ________________

**צו ענטפערן די בחינות און אריינגיין אינעם גורל, 02-5-3333-72**

**1-518-329-9149**

# בדיחותא

המשך פון זייט 7

## דער ים אין ברסלב

איז דער צייט וואס רבי נתן איז ארומגעגאנגען מיט א שטארקע ווילן און א בענקשאפט צו זוכה זיין פארן קיין ארץ ישראל, האט ער פראבירט מאכן אלע סארט השתדלות וואס ער קען נאר, עס איז געווען עטליכע מאל וואס ער האט געוואלט פארן קיין אדעסע צום פארט כאטש ער האט נישט געהאט קיין געלט פאר די הוצאות פון די נסיעה, דאך האט ער געטראכט צו טון זיין השתדלות וואס ער קען, אפשר דאך וועט ער זיך קענען ארויפכאפן אויף א שיף, ווען מען פלעגט אים פרעגן פארוואס פארט ער אויב ער איז נישט גרייט?, האט ער געענטפערט: "איך דארף פארן קיין אדעסע ווייל דער ים אין ברסלב וועט נישט קומען..." (שישק)

## העלפן א גנב

עס איז באוואוסט אז רבי נתן פלעגט מקרב זיין אסאך אידן צום באשעפער, רעדן מיט זיי און מחזק זיין אין די ליכטיגע עצות פונעם רבי'ן, אבער א מענטש וואס איז געווען א גנב האט ער נישט מקרב געווען אזוי ווי דער רבי לערנט אין ספר המידות "מִי שֶׁנִּפְתָּה לִבּוֹ לִגְזֹל וְכֵיוָן שֶׁהִתִּיר לְעַצְמוֹ גְּזֵלַת חֲבֵרוֹ, הֲרֵי הוּא מוּכָן לְכָל חֵטְא וְעָוֹן, וְאֵין תַּקָּנָה לַהֲסִירוֹ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה." אויב א מענטש האט זיך געלאזט צונעמען זיין חבר'ס א זאך איז ער שווין חס ושלום גרייט צו יעדע זינד און עס איז נישטא קיין וועג אים צו אוועקנעמען פון זיין שלעכטע געוואוינהייט. רבי נתן פלעגט זאגן: "איך קען אלעמען מקרב זיין אבער נישט קיין גנב, ווייל ביז איך וועל אים מקרב זיין וועט ער מיר בא'גנב'ענען מיין גאנצע שטוב..." (שיש"ק)

## אמת'ע כלבים

עס זענען אמאל געגאנגען צום ציון פון רבי'ן אין אומאן א קבוצה פון אנשי שלומינו צוזאמען מיטן חסיד רבי מנדל'י ז"ל. פלוצלונג איז אויפגעקומען קעגן זיי א מתנגד און געשריגן אויף זיי אסאך שלעכטע ווערטער און בזיונות ביז דער מתנגד האט זיך אויסגעדריקט אז זיי זענען כלבים, הינט. האט רבי מענדלי געזאגט צו זיינע חברים: "ער איז גערעכט מיר זענען כלבים ווייל מיר גייען אין די וועג פון כלב בן יפונה וואס איז געלאפן זיך משתטח זיין אויף קברי אבות צו ניצל ווערן פון די מרגלים... דעריבער שרייט אונז דער מתנגד כלבים, מיר זאלן זיך שטארקן אז מיר גייען אין די וועג פון כלב בן יפונה..."

## רבי חצות

רבי משה טשענסטחובער ז"ל האט אסאך יארן מעורר געווען די חסידים צו אויפשטיין חצות, ער האט עס געטון פון זיין גוט הארציגקייט און זיין הרגשה אין די גרויסקייט פון חצות כאטש ער פלעגט פיל מאל באקומען וועגן דעם בזיונות, עס איז געווען מאל וואס ער האט געזען אז מענטשן פארזוימען זיך און שמועסן נאך מעריב, איז ער צו זיי צוגעגאנגען און געזאגט: "גרייט זיך, גרייט זיך, צום רבי'ן - דער צדיק וואס גייט קומען..."

די מענטשן האבן זיך געוואונדערט און געפרעגט: "ווער איז דער צדיק וואס גייט קומען?"

האט ער געענטפערט: "רבי חצות! באלד גייט ער קומען און ער וועט אייך טרעפן שלאפן"